# ל. שאַפּיראָ

# געגעסענע טעג

## א.

איך האָב דעמאָלט ״געגעסן טעג,״ און מיר האָט געפֿעלט אַ דינסטאָג. —

דער פֿולער נאָמען פֿון שטעטל איז געווען זאַהאָריע-וויטראַק, צוליב די ווינטמילן אויף די אַרומיקע בערג, נאָר ייִדן האָבן עס גערופֿן בקצור: זאַהאָריע.

אַז איך בין אַרויס אין גאַס דעם ערשטן נאָכמיטאָג פֿון מײַן קומען אַהין, איז דאָס שטעטל געליגן פֿאַרטשאַדעט אונטער דער תּמוזדיקער זון. ייִדן און ייִדענעס האָבן געדרימלט אין די טירן פֿון די קראָמען. בײַם פֿליישמאַרק זענען הינט געליגן מיט אַרויסגעשטרעקטע צונגען, האָבן געאָטעמט לאַנגזאַם און טיף געקוקט מיט פֿאַרגלעזערטע אויגן אָן אינטערעס אויף דער וועלט און אַפֿילו אויף די בלוטיקע זײַטן פֿלייש אין די פֿענצטערלעכער פֿון די יאַטקעס. איבערן מאַרק האָבן געל געגליט בינטלעך און לאָקן שטרוי פֿונעם לעצטן מאַרקטאָג וואָס דער ווינט, דער משגיח אויף ריינקייט אין שטאָט, האָט נאָך נישט באַוויזן אַוועקצונעמען. אויף דער ״פּריצישער״ גאַס זענען אַלע לאָדנס געווען פֿאַרמאַכט — לאָדנס גרויע, ווײַסע, גרינע, אַלערליי לאָדנס, אַ לאַנגע צײַל פֿון פֿאַרהאַקטע לאָדנס. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז זאַהאָריע האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטאָט אין אַ חלום, און איך האָב מיט דאָרשט געטרונקען די נײַקייט.

## ב.

— די ישיבֿה, — זאָגט מיר דער באַרדיטשעווער, — איז געווען אַ מאָל גאָר אַ גרויסע ישיבֿה.

געפֿינען געפֿינט זי זיך אינעם רבינס קלויז, איבער דער עזרת-נשים: די הינטערשטע העלפֿט פֿון דער הויכער קלויז איז געטיילט אין צוויי גאָרן, און אינעם אויבערשטן גאָרן, מיט אַ באַזונדערער דרויסנדיקער טרעפּ, לערנען מיר. דאָס איז אַ לאַנגער, שמאָלער חדר וואָס לויפֿט אין דער ברייט פֿון דער קלויז, מיט אַ צענדליק פֿענצטער אין דרײַ פֿון די ווענט. אין דער פֿערטער וואַנט קוקט אַ קליין אָפֿן פֿענצטערל, פּשוט אַ לאָך, גלײַך צום ארון-קודש. עס זענען פֿאַראַן צוויי לאַנגע טישן פֿאַרן שיעור און אַ טוץ סטענדערס ווּ די עלטערע בחורים לערנען ביחידות. בײַ די ווענט און בײַ די גרויסע טישן ציִען זיך לאַנגע בענק, און עטלעכע בחורים – איך צווישן זיי – וואָס האָבן נישט קיין פּלעצער אין שטאָט שלאָפֿן אויף זיי. –

אַן אַנדער בחור, דער סטאַווּיסקער, האָט מיך אָפּגערופֿן אָן אַ זײַט, האָט אויפֿגעהויבן אַ פֿינגער און מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין:

די ישיבֿה, אָט ווי דו קוקסט זי אָן, איז געווען אַ מאָל גאָר אַ גרויסע ישיבֿה. הונדערט און פֿופֿציק בחורים האָבן דאָ עוסק-בתּורה געווען יומם-ולילה. די ישיבֿה איז נאָך דעמאָלט געווען אינעם בנין וואָס ס'איז איצט די קאַלטע שול. און אַפֿילו שוין שפּעטער פֿאַר די ערשטע יאָרן פֿון ניסל דיין, ווען ער האָט נאָך נישט אַזוי שטאַרק געטרונקען, פֿלעגן פֿון זעכציק ביז אַכציק תּלמידים זיצן בײַם שיעור.

הונדערט און פֿופֿציק, אַכציק, זעכציק, – איצט זענען מיר אַ דרײַ-פֿיר און צוואַנציק פֿאַרשווין בײַ אַלע טישן און סטענדערס. די ישיבֿה זינקט שוין עטלעכע יאָר, פֿאַלט נידעריקער און נידעריקער – קיינער ווייסט נישט פֿאַר וואָס. די שטאָט האָט אונדז פֿײַנט. זי גלויבט ניט נישט אין אונדזער תּורה, נישט אין אונדזער יראת-שמים. מיר זענען שווער אויף איר, ווי ס'איז שווער אויף די אַרומיקע אַן אַלטער, לאַנג-אָנענדיקער חולה, וואָס פֿוילט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן און שטאַרבן שטאַרבט ער ניט. די שטאָט האָט נישט קיין חשק צו נעמען אונדז צו זיך צום טיש, און ווער עס קאָן נאָר פּאַטערט אָפּ דעם חובֿ מיט אַ פּאָר פּרוטות, אַזוי אַז בײַ אַ סך בחורים פֿעלן אויס טעג, און אין יענע טעג קריגן זיי פֿונעם משגיח צו זיבן קאָפּעקעס אויף דער אכילה. מיטן שלאָפֿן איז ערגער, און מיט אַ העמד אויף שבת – נאָך ערגער.

ג.

דער קרוטאָהאָרער רעדט צו מיר פֿאַרטרוילעך:

– דו מיינסט, אונדזער ישיבֿה איז אַלע מאָל געווען אָט־אַזוי־אָ ווי דו זעסט זי איצט? האָסט באַדאַרפֿט זײַן דאָ מיט יאָרן צוריק, וואָלסטו געזען...

ער אויך? וואָס גייט **אים** אָן די ישיבֿה? דער קרוטאָהאָרער איז אַ גרויסער, געזונטער בחור מיט אַ גלאַטן ווײַבערשן פּנים אָן אַ סימן פֿון אַ באָרד אָדער וואָנצעס, מיט גרויסע וואַסעריקע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, און מיט אַ קינדישן שמייכל אויף די רויטע, פֿליישיקע קישקעלעך־ליפּן. ער האָט אַפֿילו נישט־קיין־שלעכטן קאָפּ, נאָר לערנען הייבט ער נישט אָן צו ווען. דערפֿאַר אָבער צייכנט ער זיך אויס דערמיט וואָס ער קאָן נישט רעדן קיין צוויי מינוט אַז ער זאָל נישט אַריבערגיין אויף ניבול־פּה. ער איז עפּעס אַ שלאָגנדיקער קוואַל פֿון מעשׂיות, רעטענישן, גלײַכווערטלעך, וואָס אין יעדן פֿון זיי איז באַהאַלטן, אונטערן פּשט, אַ רמז אויפֿן ענין זכר־ונקבֿה. זײַנע מעשׂיות זענען עפּעס פּריקרע – אויסגעפּשטלטע, אויסגעזויגענע פֿון פֿינגער, אָן תּאווה און אַפֿילו אָן אָפֿענע גראָבע רייד, נאָר שטענדיק רמזים און לשון־נופֿל־על־לשון, אי אַהער אי אַהין, וואָס אַז דו ווילסט איז אין זיי פֿאַראַן אַ מיין, נאָר אַ מיאוסער מיין, און אַז דו ווילסט איז אין זיי גאָרנישט נישטאָ, נאָר דאָס זענען זיך גלאַט מעשׂיות אין דער וועלט אַרײַן. איז טאָמער וואָלסטו בײַ זיך געפּועלט אַז דער בחור מיינט חלילה ניט קיין אויבערשפּיצלעך, רעדט ער אָבער אַזוי קאַלטבלוטיק – שוין **צו** קאַלטבלוטיק, און דאָס קינדישע שמייכעלע אויף די פּײַכטע, רויטע קישקעלעך איז שוין עפּעס **צו** קינדיש, און דו דערפֿילסט זיך אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט, און ווערסט בייז, און ער, דער תּם, פֿאַרשטייט נישט וואָס דו ביסט אין כּעס, אַז סך־הכּל האָט ער גאָרנישט ניט געמיינט, און אַז – ״שאַ, וואָס דאַרפֿסטו מער? אָט וועל איך דיר דערציילן אַ חידוש נפֿלא״...

דער קרוטאָהאָרער אַליין האָט שוין אויך אַ תּלמיד מובֿהק, אַ שטאָטיש ייִנגל פֿון אַ יאָר פֿערצן, חייִמל אריה־לייבס – קנעלט ער מיט אים הילכות ניבול־פּה. חייִמל האָט אַ ווויל קעפּל, האָט אויך

ליב אַ שווער שטיקל גמרא אָדער אַ טיפֿע סבֿרא פֿון די מפֿרשים, – נאָר דער קרוטאָהאָרער פֿירט אים אַראָפּ פֿון דרך, און דאָס ייִנגל הירזשעט ווי אַ לאָשעקל פֿון יענעמס מעשׂיות און פּרוווט אַפֿילו אַליין אַ מאָל אויסטייַטשן אַ פּסוק אָדער אַ מאמר חז״ל אַזוי, אַז עס איבלט מיך. זיי בײדע דערגיין די יאָר דעם ״וואַרשעווער.״ –

ד.

דער וואַרשעווער איז נישט פֿון וואַרשע. איזן איז ער פֿון אַ שטעטל ערגעץ אין פּוילן וואָס האַלט זיך ניט אין זכּרון, רופֿט מען אים אויף דער שטאָט וואָס געדענקט זיך יאָ. ווי קומט ער אַהער אַזש פֿון פּוילן? ווייסט קיינער ניט, און מ׳דערפֿרעגט זיך נישט שטאַרק. קיינער פֿון די פֿרעמדע האָט נישט ליב פֿיל צו רעדן וועגן דעם פֿון וואַנען ער קומט אָדער וועמעס ער איז, – מסתּמא נישטאָ נאָך וואָס צו בענקן אָדער צו געדענקען.

דער וואַרשעווער איז דער עלטסטער בחור אין דער ישיבֿה – ווייַט אַריבער דרייַסיק. ער איז שמאָל און מאָגער, און נישט אַזוי אַ הויכער ווי אַ לאַנגער. זייַנע באַקן זענען באַשאָטן מיט פּרישטשעס, די אויגן זענען שוואַרץ און גליִען ווי אין קדחת. די באָרד וואַקסט אים אויפֿן האַלדז – **נאָר** אויפֿן האַלדז – און אויפֿן קאָפּ טראָגט ער אַ שמאָל פּויליש היטעלע, דאָס איינציקע היטעלע אין שטאָט מיט אַ שמאָלן ״דענעק״. ער האָט אַ ״שווערן קאָפּ,״ דערפֿאַר אָבער איז ער אַ גרויסער מתמיד און זייער פֿרום. ער לערנט שטענדיק, מ׳זעט אים כּמעט קיין מאָל נישט אָן אַ ספֿר אין האַנט, און לערנען לערנט ער אויפֿן קול, מיט זייַן טשיקאַווען פּוילישן ניגון, און שאָקלט זיך דערבייַ שטאַרק מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, וועלכע ער עפֿנט נאָר פֿון צייַט צו צייַט אויף צו כאַפּן אַ קוק אין דער גמרא. ער איז זיך אָפֿט טובֿל אין דער מקווה, פֿון די צוויי טעג וואָס פֿעלן אים אויס האָט ער געמאַכט באַשטענדיקע תּעניתים, און חבֿרה זאָגן אַז ער פּייַניקט זייַן גוף עפּעס נאָך אויף אַנדערע אופֿנים.

דער קרוטאָהאָרער האָט זיך אָנגעזעצט אויפֿן וואַרשעווער, און חייִמל איז נישט אָפּגעשטאַנען פֿון זייַן רבין. זייער עובֿדא איז געווען אַוועקצושטעלן זיך נישט ווייַט פֿון זייַן סטענדער און נעמען לערנען אַ מאמר, למשל, פֿון מסכתא שבת, און צעלייגן אים אויף טעלערלעך

אויף זייער שטייגער. דער וואַרשעווער פּרוווט זיך פֿאַרשטעלן ביידע אויערן, אָבער דעמאָלט הערט ער ניט זײַן אייגענעם ניגון, און אַן דעם ניגון פֿאַרשטייט ער שוין גאָר גאָרנישט וואָס ער לערנט. ער שרײַט: „מנובלים! נואפים! משומדים!" סטראַשעט ער וועט דערציילן ר' זלמן משגיח, זידלט זיך אויף זײַן פּוילישן ייִדיש – און זיי שטייען און דרשענען ווי ניט זיי מיינט מען און אַזוי ווי שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין אַ שווער שטיקל גמרא. סוף-כּל-סוף לויפֿט דער וואַרשעווער אַרויס פֿון קלויז מיט ברענענדיקע אויגן און ליפּן פֿאַרקרימט פֿון יסורים.

ה.

דעם שיעור פֿאַר אונדז זאָגט ניסל דיין. –

ניסל דיין זעט נישט אויס ווי קיין ייִד. זײַן שווערער, קלאָציקער גוף, די איבערגעהאָנגענע „רבנישע" ברעמען און די רויטע נאָז מיט די בלויע אָדערלעך גיבן אים צו דעם אָנבליק פֿון אַן אַלטן קאַצאַפּ – פֿון די וואָס גייען אויף די פּליטן איבערן טײַך. איבער דער דרויסנדיקער פֿלאַך פֿון זײַן לינקער האַנט איז זיך צעלאָפֿן אַ רויטער לישײַ ווי אַ קופּערנער דרײַער די גרויס. בײַם לערנען זיצט ער מיט אָט דער האַנט אונטער דער סלאַוויטער גמרא, מיט אַ קליינער יאַרמלקע ערגעץ דאָרטן ווײַט איבערן נאַקן, און מיט ברילן אויף דער נאָז.

די בחורים רעדן עפּעס מיט אַ האַלבן מויל, ווי זיי וואָלטן אַליין זײַן מבֿולבל אין מוחות בנוגע דעם דאָזיקן ייִדן. איזן איז ער אַ גרויסער שיכּור – אַ ייִדישער שיכּור, פֿאַרשטייט זיך: וואַלגערט זיך נישט אין די גאַסן – טרינקט ווו בײַ גאָט אַ טאָג, מיט אָדער אָן אַ יאָרצײַט, און גייט אַרום פֿאַרוואָלקנט, פֿאַרטאָן אין זיך און גלײַכגילטיק צום לערנען ווי צו די תּלמידים. עס טרעפֿט אַ מאָל אַז ער קומט צום שיעור פֿאַרקנאַקט מער ווי געוויינטלעך – דעמאָלט שפּרינגען מיר אויף די בענק פֿון התפּעלות: שאַרפֿע המצאות, פּשטלעך, חידושים, טיפֿע הערות שפּריצן פֿון זײַן מויל ווי פֿונקען פֿײַער. טאָמער אָבער האָט זיך אים חלילה – איין מאָל אין אַ שמיטה – געמאַכט צו בלײַבן אין גאַנצן ניכטער, איז שווער געווען פֿון אים איבערצוטראָגן: ער האָט אַלעמען געזידלט, געשאָלטן, געשאָטן מיט שטעכווערטלעך, בייזע, געמיינע, שלעכטע – זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ רשע מרושע. קיין

דיין איז ער שוין לאַנג ניט געווען. ער האָט בלויז געהאַט דעם שיעור אין דער ישיבֿה, און צוויי שעה אַ טאָג האָט ער געלערנט מיטן גבֿירס נײַעם איידעם. צוליב זײַן שאַרפֿער צונג איז ער געווען פֿאַרקריגט מיט אַ האַלבער שטאָט און מיטן רבינס הויף איז ער געווען אויף מעסערשטעך. די חסידים האָבן געהאַט אויף אים אַ חשד אַז ער שטאַמט פֿון דער ליטע. האָט טאַקע שטאָט געקוועטשט אויף אים מיט די אַקסלען: אַז אַ מענטש שטאַמט פֿון דער ליטע!

אויסער אין די זעלטענע פֿאַלן פֿון אַ געהויבענער מדרגה פֿון שיכּרות, האָבן אים די לימודים אין דער ישיבֿה קנאַפּ אינטערעסירט. לסוף איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה: זאָל מען חזרן אויף אויסנווייניק. אין אַנדערע ישיבֿות זענען פֿאַראַן בחורים וואָס קענען הונדערטער בלעטער גמרא אויף אויסנווייניק. "אָט דאָס הייסט לומדישע קעפּ!" האָט ער צוגעגעבן און געקוקט אַזוי שפּיציק מיט זײַנע קליינע בייזע אייגעלעך, אַז מ'האָט נישט געקאָנט דערגיין צי ער זאָגט עס לשבֿח צי ער מאַכט חוזק. זאָל מען זיך, פֿאַר אַ התחלה, נעמען צו די "בבֿות". ס'איז נישט שווער און אויך נישט צו גרינג. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט די ברירה צו זאָגן אַן אמתן שיעור און עפּעס מחדש זײַן נאָר דעמאָלט, ווען אים האָט זיך געוואָלט.

ו.

בײַ די נעכט פֿלעגן מיר הערן די פּאַראָכאָדן פֿאַרבײַגיין אויפֿן טײַך אַ ווערסט פֿון שטאָט. די פֿון אונדז וואָס פֿלעגן שלאָפֿן אין קלויז האָבן שוין געקאָנט דערקענען די שטימען פֿון די שיפֿן וואָס האָבן באַדינט אונדזער טייל פֿון טײַך. – "אימפּעראַטאָר" – פֿלעגט עמעצער באַמערקן פֿון אַ ווײַטער באַנק און אַ גלי טאָן אין דער פֿינצטער מיט זײַן ציגאַר-טיטון. דאָס – בײַ אַ קורצן וואָגיקן פֿײַף, מעשׂה תּקיף און סאָלידער בעל-הבית. "אימפּעראַטאָר" איז געווען די נײַסטע שיף דאָ אויפֿן טײַך, געבויט ערגעץ אין אויסלאַנד און מיט די נײַסטע אײַנריכטונג. "פּי-פּי-אײַ-אײַ" – שנײַדיק, שמײַדיק און לײַכטזיניק ביז גאָר, און עמעצער פֿון אונדז דערקלערט מיט אַ שמייכל, אַז דאָס איז "פּושקין," אַ קליין פּאַראָכאָדל, שמאָל, לאַנג און פֿלינק אויף דער פּען. אַ ברייטער, גאָרגלדיקער אויסגעשריי, געצויגן און הייזעריק, ווי פֿון אַ חיה אין יסורים, איז דער טײַטש די

״דיערזשאַוואַ,״ דאָס עלטסטע און גרעסטע שיף, ברייטביינעריק, אומגעלומפּערט, פֿאַרשלאָפֿן און לאַנגזאַם.

אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט, נאָך דעם ווי דער ערשטער פֿײַף האָט אויפֿגעשפּיצט דאָס אויער, האָט מען דײַטלעך געקאָנט הערן ווי דער פּאַראָכאָד דערנענטערט זיך צו אונדזער סטאַנציע, ווי ער פּאַטשט מיט די רעדער איבערן וואַסער, פֿאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג און פֿאַרשטומט. מיר האַלטן אײַן דעם אָטעם, און ״זעען״ דאָס באַלויכטענע שיף, די שמוציקע פּריסטאַן, די מענטשן וואָס לויפֿן אויף און אָפּ איבערן ענגבריקל צום שיף, דעם פֿרעמדן און פֿריילעכן טומל. אין צוויי מינוט אַרום – אַ צווייטער פֿײַף און באַלד אַ דריטער, און דאָס אויער כאַפּט אויף דאָס סאָפּן פֿון דער פּאַרע, דאָס באַנײַטע גערויש פֿון די רעדער, שנעלער –שטאַרקער – דרינגלעכער. בײַ אַ געוויסן פּונקט רײַסט זיך דאָס גערויש דורך צווישן די בערג פּאַזע טײַך מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט, מ׳וואָלט געקאָנט שווערן – דאָס שיף גייט גלײַך אין שטאָט אַרײַן. תּיכף נאָך דעם פֿאַלט דאָס גערויש אַרונטער ווי אונטער אַ טאָפּ: שוואַכער, ווײַטער, שטילער. שאַ, אָט – ניין – יאָ – ניין – גאָרנישט. שטיל.

עס שווײַגט זיך אַ היפּשע ווײַלע. און כּמעט יעדעס מאָל פֿאָרט אַרויס דער קרוטאָהאָרער מיט, אַ שטייגער.

– איך וועל דיך פֿרעגן אַ רעטעניש ;

– לאָז צורו! – ווער איך זיך מיט פֿאַרדראָס. – מ׳ווייסט שוין דײַנע רעטענישן.

– אַנו, אדרבה, טרעף. וואָס איז

– אָבער לאָז אָפּ ; אַן אַנדערש מאָל! – רײַסט זיך בײַ מיר אַרויס.

– אַ מאָל גיט ער נאָך, און אַ מאָל נישט.

ז.

נישט גרינג און נישט מיט אַ מאָל האָב איך געקראָגן מײַנע ״טעג״. דער זונטיק און דער מאָנטיק האָבן זיך געביטן עטלעכע מאָל, און די מענטשן האָבן אויף מיר קיין רושם ניט איבערגעלאָזן.

אַ מיטוואָך האָב איך געהאַט בײַ אַ קצבֿ, בוני דעם רויטן. ער האָט געהאַט שטעכיקע רויטע האָר אויפֿן פּנים כּמעט ביז די אויגן, אויגן גזלנישע און חוצפּהדיקע, און אַ גראָבע שטים. דער ייִד האָט אַפֿילו דאַוונען ניט געקענט, און אין שטאָט האָט מען געזאָגט אויף אים אַז ער שלאָגט דאָס ווײַב. צו וואָס, אַ שטייגער, האָט ער געדאַרפֿט אַ ישיבֿה-בחור בײַ זײַן טיש? ער האָט נאָך אַליין אָפּגעשטעלט ר׳ זלמן משגיח אין גאַס און זיך געהייסן אַרײַנשיקן ״עמיצן״ פֿון די ״כּניאָקעס״, וועט ער אים ״אָנשטאָפּן די קישקע״. וואָס איז שייך דעם עסן, איז דאָס געווען מײַן בעסטער טאָג. די בוניכע – אַ ייִדענע אַ שוואַרצחנעוודיקע, נאָר אַן אָפּגעלאָזענע – האָט פֿון קיין טישטוך ניט געוווּסט: גלײַך אויפֿן ווײַסן הילצערנעם טיש פֿלעגט מען אַוועקלייגן אַ ברויט און אַוועקשטעלן אַ שיסל מיט געקעכץ – און עס וויפֿל דו ווילסט. די מאכלים אַליין זענען געווען שווערע, ״שטאָפּעדיקע״: געפֿילטע קישקע, אַ ״קיטניצע״, אַ באָרשטש מיט פֿעט פֿלייש, אַ שאָפֿן קעפּל, אַ פֿעטער, גליטשיקער האַלדז פֿון אַ ציגעלע. און בײַ ביידע מאָלצײַטן איז געווען פֿלייש.

צו וואַרעמעס האָט מען געגעסן אַלע אין איין צײַט און בײַ איין טיש: בוני מיט דער בוניכע, איך, און זייער טאָכטער די בת-יחידה – אַ מיידל פֿון אַ יאָר זעכצען, מיט אַ גוף וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פֿון די קינדישע יאָרן און מיט אַ פּנים פֿון אַ רביצין: ווײַס און דורכזיכטיק, אַ ביסל קרענקלעך, מיט אַ גלײַכער נאָז און גרויסע, ווי בײַ אַ קאַלב, שײַנענדיקע אויגן. אין אָוונט האָב איך בונין זעלטן געטראָפֿן אין דער היים, און עמעצער פֿון די ווײַבער פֿלעגט מיר דערלאַנגען עסן אַליין.–

אַ גאַנץ אַנדער הויז איז געווען איסר טאַבאַטשניקס, ווו איך האָב געגעסן דאָנערשטאָג. געשטאַנען איז עס אויף דער אַנדערער זײַט מאַרק, שוין בײַם אָנהייב פֿון דער ״פּריצישער״ גאַס, האָט געהאַט געפֿאַרבטע דילן, שפּיצענע פֿאָרהאַנגען און וואַזאָנעס בײַ די פֿענצטער, און איז געווען בעל-הבתּיש מעבלירט. געלעבט האָט מען ברייטלעך, געהאַלטן אַ קעכין און אַ שיקסל צום קלענסטן קינד. דאָ האָט מען מיר געגרייט צום עסן בײַם ברעג פֿון אַ באַזונדערן טיש אין קיך, ווו די קעכין האָט געטאַראַראַמט מיט די טעפּ, און מײַן צײַט האָט מען אײַנגעשטעלט אַ שעה נאָך זייער אייגענעם עסן.

איסר טאַבאַטשניק האָט געמעקלערט אויפֿן גרויסן שניט: מיט תּבֿואה, מיט וואַלד, מיט בוריקעס פֿאַר צוקערזאַוואָדן. ער איז געווען אַן "אָסאָבע": הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ היפּשן בײַכל, אַ גלאַטן פּנים און מיט אַ שיינער טונקעלער צעקעמטער באָרד, געטראָגן אַ ציכטיקן סורדוט ביז די קני, ווינטער אַ שוואַרצן און זומער אַ גרויען, און אַ ווייכן קאַפּעליוש מיט אַ קנייטש איבער דער גאַנצער לענג. אַ מינע האָט ער געהאַט אַ וואַזשנע, און אַ וואָרט זײַנס איז געווען "מיט גאָלד צוגלײַך". אַ גדלן אַ ייִד. זײַן ווײַב שיינע-לאה האָט געשטאַמט פֿון גרעסערן יחוס ווי איר מאַן, האָט זיך געהאַלטן אײַנפֿאַכער און איז, קענטיק, געווען אַ גוטע. געווען אין הויז אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוועלף, אַ מאָגערע, אַ שוואַרצע, אַ מיאוסע, אַ כּעסנטע, וואָס באַלד עפּעס האָט זי זיך געוואָרפֿן אויפֿן דיל און געקלאַפּט מיט די פֿיס אָן די ווענט אָדער אָן טיש – און אַ ייִנגעלע פֿון דרײַ יאָר. ערגעץ אויף דער וועלט זענען געווען אויסגעגעבענע טעכטער. –

פֿרײַטיק אין דער פֿרי איז דאָס עסן לאו-דווקא. און מיט דרײַ שבתדיקע סעודות האָט מיך באַשטאַט סטיסי די אַלמנה.

סטיסי איז געווען אַ הויכע, שוואַרצע ייִדענע, מיט שמאָלע טאָטערשע אויגן, אַ קלוגע און אַ שווײַגערין, און די גויים האָבן פֿאַר איר דרך-ארץ געהאַט – זי האָט געהאַלטן אַ קליינע קראָם מיט שניט-סחורה און צעלניק, מײַנסטנס פֿאַר די גויים און שיקסעס פֿון די אַרומיקע דערפֿער: העל געפֿאַרבטע וואָל- און באָוול-שטאָפֿן, קאָלירטע סטיינגעס, בינטלעך און שנירלעך קרעלן, קאָפּטיכלעך, גאַרטלען, און דער [דאָס?] גלײַכן. זי איז נישט געווען רײַך, נאָר געהאַט פּרנסה און אַן אייגענע שטוב אויף דעם "רבינס" גאַס. די שטוב איז געווען אַן אַלטע און נישט קיין גרויסע, נאָר אַ "בעל-הבתּישע", דאָס הייסט, מיט הילצערנע דילן, אַ בלעכענעם דאַך און אַפֿילו לאָדנס אויף די פֿענצטער. די בעל-הבתּישקייט אין שטוב האָט געפֿירט איר טאָכטער צירל – אַ מיידל שוין אין די יאָרן, אַ נידעריקע, נישט קיין שיינע, מיט אַ נישט-געזונטער, נישט-ריינער הויט פֿון פּנים, אויגן שוואַרצע און דווקא יאָ שיינע – און זייער אַ "סטאַטעטשנע". –

און דער דינסטאָג איז מיר אויסגעבליבן.

ח.

אין יענע יאָרן האָט די וועלט געקנייטשט און געקנאָטן מײַן געמיט ווי אַ צעטראָגענע האַנט קנייטשט און רײַסט אַ הענטשקע אויף דער צווייטער. יעדער טאָג פֿון דער וואָך האָט געהאַט זײַן טעם – שבת נאָכן עסן, למשל, האָט די זון געשײַנט אַנדערש ווי אין דער וואָכן – און אַריבערגיין פֿון דעם "רבינס" גאַס צום מאַרק איז געווען אַ מין נסיִעה אין אַן אַנדער שטאָט. דעם גבֿירס הויז אויף דער "פּריצישער" גאַס, רויז געפֿאַרבט און מיט אַ גרינעם באַלקאָן צום צווייטן שטאָק, האָט מיך גערעגט ווי אַ גאַסט פֿון דער פֿרעמד. אין אַ דרויסנדיקער וואַנט פֿון קלויז האָט געפֿעלט אַ שטיק קאַלך מיט דער לײם צוזאַמען, און איך האָב מיט שׂינאה געקוקט אויפֿן העסלעכן פֿלעק יעדעס מאָל ווען איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען. אויף אַ לײדיקן פּלאַץ נישט ווײַט פֿון דער ישיבֿה זענען געשטאַנען פֿיר האַלב-פֿאַרברענטע סלופּעס, די רעשטן פֿון אַ הויז נאָך אַ שׂריפֿה; פֿאַרשוואַרצט, צעפֿרעסן און מאָגער, האָבן זיי כמאַרנע אַרויסגעקוקט אויף מיר, דווקא אויף מיר, און מיך געשראָקן. – זומער, ווינטער, שניי, רעגן, פֿראָסט, היץ האָבן ווי שדים געצופּט און געשלעפּט מיך אין אַלע זײַטן.

צו יענער צײַט זענען צוגעקומען נאָך זאַכן.

איין מאָל, וואַרעמעס-צײַט, בײַ איסר טאַבאַטשניק אין הויז, איז אויפֿן קיכטיש ווו איך האָב געגעסן געשטאַנען אַ בעקן מיט שטרודל נאָר וואָס פֿון אויוון אַרויס. דער הייסער שטרודל האָט געשמעקט מיט צימרינג און ראָזשינקעס גלײַך מיר אין נאָז אַרײַן; בײַ איין זײַט פֿון בעקן איז אַרויסגעלאָפֿן אַ שטראָם פֿון ברוינעם צוקער און איז געוואָרן פֿאַרגליווערט ווי גלאָז; אין קילן זיך, האָט דער שטרודל פֿון צײַט צו צײַט אונטערגעקנאַקט שטיל און שוואַך, ווי מ'וואָלט געבראָכן שוועבעלעך. אַז די קעכין איז אַרויס אויף אַ מינוט פֿון קיך, האָב איך געשווינד אָפּגעבראָכן צוויי אײַנגעקאַרבטע שטיקלעך שטרודל און זיי אַרײַנגערוקט אין קעשענע. מײַן עסן האָב איך אָפּגעכאַפּט און בין אַוועק אין קלויז אַרײַן, ווו איך האָב אין אַ ווינקל אויפֿגעגעסן די צוויי שטיקלעך שטרודל. איך האָב געגעסן מיט גרויסע ביסנס, כּמעט נישט געקײַעט, אַזוי אַז טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן, און אַ צײַט לאַנג איז דער שטרודל מיר געשטאַנען אונטערן האַלדז און מיך געשטאָפּט.

געקומען איז דאָס אויף מיר אַזוי אומגעריכט, גלײַך ווי עס וואָלט פּאַסירט נישט מיט מיר, נאָר מיט עמיצן אַנדערש. איך בין, הייסט עס, אַ גנבֿ און אַ זולל-וסובֿא. אַ גנבֿ? ניין, קיין גנבֿ נישט. געוויס, איך האָב געגנבֿעט, אָבער מער וועל איך נישט גנבֿענען — זיכער נישט. אַ זולל-וסובֿא אָבער... כ׳האָב געגעסן ווי אַ זולל-וסובֿא, האָב אַפֿילו קיין טעם נישט געפֿילט פֿון אײַלעניש. און די מוראדיקע טיפּשות! די קעכין וועט זיך כאַפּן — זי מוז זיך כאַפּן! געגומען הייסט עס, און זיך אַליין אָנגעשפּיגן אין פּנים אַרײַן. וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? ווי קומט עס צו מיר?!

יענעם דאָנערשטאָג בין איך אויף וועטשערע צו איסר טאַבאַטשניקן ניט געגאַנגען. דעם צווייטן דאָנערשטאָג בין איך דאָרט געשטאַנען הינטער דער טיר עטלעכע מינוט מיט אַ האַרצקלאַפּעניש און נאָך דעם געעפֿנט די טיר מיט פֿאַרביסנקייט. מיר האָט זיך געדאַכט צו יענעם מאָלצײַט, אַז די קעכין קלאַפּט מיט די טעפּ מער ווי געוויינטלעך; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גוטע שיינע-לאה האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל אין די אויגן, אַ קלוגן און אַ צוריקגעהאַלטענעם, — נאָר איך האָב זיך געוואַשן לאַנגזאַם און געגעסן לאַנג און מיט עקשנות. און די צעטומלטקייט אינווייניק אין מיר איז געווען גרויס.–

די מעשׂה שטרודל איז נאָך געליגן בײַ מיר אין קאָפּ ערגעץ בײַם נאַקן, ווען איך בין איין מאָל אָנגעקומען דערויף ווי בוני דער קצבֿ מיט דער בוניכען שלאָגן זייער מיידל. אַרום דעם דאָזיקן מיידל מיטן צניותדיקן פּנים האָבן געפּאַדעט אַלע שניידעריונגען פֿון שטאָט, אַ פּאָר בעל-הבתּישע זינדלעך און אַפֿילו אַ פּאָר שקצים פֿון די גויישע גאַסן — און צו אַלעמען איז זי געגאַנגען, מיט אַלעמען האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט, און אין די פֿאַרנאַכטן איז געווען אוממעגלעך זי אײַנצוהאַלטן אין שטוב. הײַנט האָבן זי טאַטע-מאַמע — נישט צום ערשטן מאָל — געפּאַקט מיט עמיצן, און זיך אָפּגערעכנט מיט איר מיט הענט און מיט העסלעכע ווערטער. דורכן וואַסערל פֿון די טרערן האָבן אירע גרויסע אויגן ממש געשטראַלט מיט אַ פֿײַכטן ליכט. אירע פֿרישע ליפּן האָבן זיך געקרימט ווי בײַ אַ קינד, שטיל און מיט ייִאוש האָט זי געטענהט: ״וואָס **ווילט** איר פֿון מיר; וואָס **ווילט** איר פֿון מיר!״

די דאָזיקע סצענע האָט מיר שלעכטס געטאָן. איין מאָל, אַרויסגייענדיק פֿונעם קצבֿס שטוב, האָב איך אָנגעטראָפֿן דאָס מיידל אינעם טונקלען פּירהויז. איך האָב זי אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זי אָנגערירט — גראָב. זי האָט אויפֿגעהויבן אויף מיר אַ פּאָר גרויסע, דערשראָקענע אויגן, האָט זיי תּיכּף אַראָפּגעלאָזט און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין שטומער, שאָפֿענער אונטערטעניקייט. איך האָב זי גלייַך אָפּגעלאָזן און בין אַוועקגעלאָפֿן, נאָר איך האָב שוין געוווּסט, אַז נישט מייַן טיפֿער שרעק פֿאַר בוני דעם קצבֿ, נישט די מורא פֿאַר די בזיונות אויב מ׳זאָל מיך כאַפּן וועלן מיך אָפּהאַלטן פֿון דעם דאָזיקן מיידל, פֿון אָט דעם קאָפּ פֿון אַ דערוואַקסענער פֿרוי מיט אַ האַלב-רייַפֿן זאַפֿלדיקן גוף. איך בין אַ שרץ — אַ שרץ — אַ שרץ!

וויבאַלד אַזוי — האָב איך דעם שבת דערנאָך, נאָך מיטאָג, זיך אייַנגעשלאָסן ביי סטיסי דער אַלמנה אין אָפּטרעט, צונויפֿגעדרייט אַ ציגאַר-טיטון און פֿאַררייכערט. אַז איך בין פֿון דאָרט אַרויס, האָב איך זיך געוואַקלט אויף די פֿיס. נישט געוווּסט, אַז אַ ציגאַר-טיטון קאָן זייַן אַזוי געשמאַק! דער טעם פֿון דער עבֿירה און דאָס האַרבע געווירץ פֿון הפֿקרות האָבן מיר געדרייט דעם קאָפּ ווי שטאַרקער וויַין.

דער קרייַז פֿון מייַנע תּאוות, ווי דער קרייַז פֿון מייַנע השׂגות, איז געווען קליין, נאָר דער יצר-הרע איז מיך באַפֿאַלן ווי אַ וויכער — פּלוצלינג, און פֿון אַלע זייַטן פֿאַר אַ מאָל, און איך האָב געלעבט ווי אין אַ קדחת, און מייַן האַרץ האָט זיך געצאַפּלט נאָכאַנאַנד. נאָכאַנאַנד.—

## ט.

כ׳האָב געטאָן ווי דער וואַרשעווער האָט געטאָן: כ׳האָב מייַן דינסטאָג געמאַכט פֿאַר אַ תּענית. פֿון מייַנע זיבן קאָפּיקעס האָב איך צוויי אויסגעגעבן אויף טיטון, דאָס איבעריקע האָב איך געשפּאָרט.

דעם טאָג פֿלעג איך לערנען ביחידות, אונטן דער מאַנסבילשער קלויז, וווּהין איך פֿלעג זיך אַריבערקלייַבן באַלד נאָך דעם ווי די דאַוונער זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען נאָך שחרית. איך האָב זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן שיעור, נאָר אַרייַנגעקוקט אין פֿאַרשיידענע

ספֿרים, עפּטערס אין תּנ״ך, געבלעטערט, אונטערגעזונגען, געטראַכט און ווידער געלערנט. מײַן מאָגן איז געווען ליידיק און גרינג, דער טיטון האָט געשמעקט טיף און שטאַרק, און אין דער הויכער קלויז, ווו דאָס ווידערקול האָט געלאָקערט אויף יעדן שאָרך, איז געשטאַנען אַ מין אָנגעלאָדענע שטילקייט. בײַ דער סאַמע גרענעץ פֿון אָט דער שטילקייט האָבן זיך געדרענגט פֿאַרטײַעטע קלאַנגען פֿון אַן אַנדער וועלט, נישט אַזאַ ממשותדיקער ווי די אַרומיקע, נאָר נישט פֿיל געמינערט. רות מיט נעמין האָבן אייביק געשפּאַנט צווישן קאָרנפֿעלדער אויפֿן וועג צו בועזן, אונטער אַ זײַטיקער זומערדיקער זון, אַזוי אַרום פֿינף אַ זייגער פֿאַרנאַכט. יעקבֿ האָט געפּאַשעט שאָף פֿאַר לבֿנען, און די געשניצטע שטעקלעך וואָס ער האָט אויסגעשטעלט פֿאַר די קאָרעטעס זענען דײַטלעך געשטאַנען פֿאַר מײַנע אויגן מיט דער קאָרע אַוועקגעשיילט אין פֿלעקן און שטרײַפֿן, ווו דאָס ווײַסע האָלץ האָט דורכגעקוקט פֿריש און פֿײַכט פֿון זאַפֿט. אין אַ שיטער-פֿאַרוואָלקנטער, דורכזיכטיקער לבֿנה-נאַכט האָט שולמית געוואַנדלט איבער שלאָף-פֿאַרזונקענע גאַסן, האָט געקלאַפּט אין טירן און טויערן, און געפֿאָרשט בײַ די שומרים פֿון שטאָט, און געפֿרעגט און זיך נאָכגעפֿרעגט: האָבן זיי נישט געזען ערגעץ איר פֿרײַנט — האָבן זיי נישט אָקערשט באַגעגנט איר האַרצנסגעליבטן? עשׂו איז נאָר וואָס געקומען פֿון דער יאַגד און געבראַכט דעם ריח פֿון פֿעלד אין זײַנע האָריקע קליידער; ער איז געזעסן און געגעסן אַ געקעכץ פֿון לינדזן, און די הייסע, געשמאַקע פּאַרע פֿון די לינדזן האָט זיך געמישט מיטן ריח פֿון ציגנפֿעל. אַרומגערינגלט פֿון די זאַמדן פֿון דער מדבר, האָבן זיך געבויכט און געכוואַליעט אין ווינט די געשטריקטע און געפֿלאָכטענע ווענט פֿונעם משכּן. דער פּלאַן פֿונעם בנין איז מיר געבליבן נישט-קלאָר, נאָר ״תּכלת-וארגמן״ האָבן זיך געבאָמבלט פֿאַר מײַנע אויגן אין דער געשטאַלט פֿון פּאַסמעס בלויע וואָליטשקע, און געווען זענען זיי ״משזר״ — געשפּינט און געדרייט. — — — דאָס זשומען פֿון אַ פֿאַרצײַטיק-נאָענטן לעבן האָט געגרייכט צו מיר ווי אַ ווײַט געזאַנג, און דעם טאָג האָב איך גערוט פֿון זיך און פֿון אַרום.

י.

שוין אין די עשׂרת-ימי-תּשובֿה האָט דער הימל אָנגעהויבן זיך צו כמאַרען, דער יום-כּיפּור איז געווען אַ קילער און אַ פֿאַרטראַכטער,

און שׂמחת-תּורה האָט אַ דין רעגנדל עטלעכע מאָל אין טאָג געקילט די שׂמחה אין שטעטל. פֿון דאַן אָן האָט זיך דער הימל פֿאַרצויגן אויף לאַנג, דער רעגן איז געוואָרן שווערער, געדיכטער און עפּטער, און בײַ נאַכט האָט ער געקלאַפּט אין די דעכער פֿאַרשלאָפֿן און אין איין נוסח – און אַזוי אַ נעכט צען נאָכאַנאַנד. עס האָט זיך שנעל אײַנגעשטעלט די אָסיענדיקע בלאָטע, און דערנאָך איז געקומען דער ערשטער שניי און איז תּיכּף צעגאַנגען אין דער בלאָטע, און דערנאָך האָט אַ צווייטער שניי זיך איבערגעמישט מיט דער בלאָטע – און די בלאָטע איז געוואָרן קאַלט ווי אײַז און שיטער ווי קאַשע. די מרה-שחורה, די גרויסע אָסיענדיקע מרה-שחורה, האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט אויף זאַהאָריע – און אויף מײַן האַרץ.

גייענדיק צו מײַנע מאָלצײַטן, האָב איך געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע – וועגן מײַנע שיך וויל איך ניט רעדן – אַ מאָל דורכן מאַרק, אַ מאָל דורך אַנדערע גאַסן, און האָב געקוקט מיט אויגן, און האָב זשעדנע געזוכט – עפּעס, ווײַל די גרויסע מרה-שחורה איז געזעסן אויף מײַן האַרצן. ווי מײַז פֿון די לעכער קוקן אַרויס פֿון די קלייטן יידישע קעפּ – מאַנסבילשע קעפּ, ווײַבערשע קעפּ – קוקן אַרויס כמורנע, געדולדיק, פֿאַרעקשנט – אויף וואָס למשל, קוקן זיי אַרויס? אַ ייִדענע פֿאַרוויקלט אין שאַלן, זיצט בײַ אַ טישל מיט עפּלעך – אַ הויפֿן עפּלעך, געפּרווירענע עפּלעך וואָס פֿאַרקויפֿן פֿאַרקויפֿט זי זיי צו די קינדער, אַ גראָשן אַן עפּלע. וויפֿל קינדער גייען דאָ פֿאַרבײַ דורכן טאָג – דורך יעדן טאָג באַזונדער? וויפֿל פֿון זיי האָבן דעם גראָשן אין קעשענע און יצר-הרע צו אירע עפּלעך? וויפֿל קאָסטן די עפּלעך זי אַליין און וויפֿל בלײַבט איר איבער אויף איר אייגענער חיונה? וויפֿל מײַלער דאַרף זי שפּײַזן טאָג-אײַן, טאָג-אויס, פֿון די דאָזיקע עפּלעך? – – – בײַם עק מאַרק שטייט אַן אַלטע הילצערנע קלייט, כּמעט אַ חורבֿה; אינווייניק געפֿינט זיך אַ זעקל האָבער און דרײַ בינטלעך היי, און מער גאָרניט. בײַ דער טיר זיצט זוסי מיכליעס און קוקט. דער ייִד זיצט אין אַ ברוינער בורקע מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער ווי פֿון פֿאַרזשאַווערטן בלעך. זײַן פּנים איז קליין און פֿייגלש און אַרומגעוואַקסן מיט אַ קורץ, שטײַף בערדל פֿון זאַמד-קאָליר, און זײַנע קליינע, קײַלעכדיקע, הינערשע אויגן פֿון דעם זעלבן קאָליר קוקן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. **ווען** איך גיי פֿאַרבײַ, זיצט זוסי מיכליעס בײַ דער טיר און קוקט. אַ געמיש פֿון שׂינאה און מורא הייבט זיך בײַ מיר ערגעץ פֿון די גדרים און קריכט מיר אין האַלדז

אַרײַן. זיצט אַ בר-מינן און קוקט. מ׳האָט פֿאַרגעסן אים צוצומאַכן די פֿאַרגלעזערטע אויגן – זיצט ער און קוקט. – – – בײַם אײַנפֿאָרהויז זעט זיך דער אָנהייב פֿון אַ גויישער גאַס. די גויישע גאַסן און געסלעך רינגלען אַרום די שטאָט פֿון אַלע זײַטן. דאָרט איז אַ באַזונדערע וועלט, אַ מין סמבטיון, וואָס וואַרפֿט מיט שטיינער אַפֿילו אים שבת, און אַ מענטש – אַ ייִד, הייסט עס – קאָן אַהין נישט אַרײַנדרינגען משום סכּנת נפֿשות. אָט, אַ שטייגער, די גויים – וואָס איז געווען די כּוונה דערפֿון? עס קומט אויס, אַז זיי זענען באַשאַפֿן געוואָרן בפֿירוש פֿאַר אַ בײַטש אויף מענטשן – אויף ייִדן, הייסט עס – ווי מגיפֿות, חולאתן [חלאתן], וכּדומה. פֿון דער אַנדערער זײַט, אין די ירידן און מערקטעג גיסן זיי זיך אַרײַן אַהער און פֿאַרפֿלייצן די שטאָט ווי שטאַרקע וואַסערן – און באַזאָרגן ייִדן מיט מזונות. אין יענע טעג איז פֿאַראַן פּרנסה, און אין די זעלבע טעג הענגט די סכּנה אין דער לופֿט און לאָקערט ווי אַ חיה וואָס איז גרייט צו פֿאַרצוקן. דער רבונו-של-עולם באַנוצט זיך, הייסט עס, מיט זײַנע ברואים אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. הם... משונהדיק. און זיי אַליין – די גויים, מיין איך – כ׳ווייס? אָט פּראַווען זיי דאָך עפּעס חתונות און לויות, און זיי דינען צו זייערע אָפּגעטער אין דער תּיפֿלה, און טוען עפּעס דאָרטן אין זייערע פֿעלדער און גערטנער, און האָבן בכלל אַלערליי עובֿדות וואָס צו ייִדן האָבן זיי קיין שײַכות נישט... – דער גאַנצער ענין איז נישט-קלאָר. אַ האַרבער ענין. – – –

– – – די שיפֿן אויפֿן טײַך האָבן זיך גענומען גיין זעלטענער און שיטערער, און אַרום חנוכּה האָט מען אין גאַנצן אויפֿגעהערט הערן אין די נעכט זייער פֿײַף און דאָס פּאַטשן פֿון די רעדער. אין גאָר שטילע, פֿאַרשטאָרבענע נעכט קומט יאָ אַ מאָל אָן עפּעס אַ פֿײַף – דין, שנײַדיק און אַליין: דאָס איז דער פֿײַף פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו אויף אַ באַנליניע אַכצן ווערסט פֿון שטאָט, אויף יענער זײַט טײַך. איבער אַ יאָר זומער – רעדט מען אין שטאָט שוין אַ יאָר צוואַנציק – וועט מען די ליניע צופֿירן ביז זאַהאָריע. דערווײַל איז דער פֿײַף אַ ווײַטער און אַן אומגלויבלעכער. איך ליג אויף מײַן באַנק, צוגעדעקט מיט אַ פּאָר שמאַטעס, און מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן וואַרט איך אומזיסט אויף נאָך עפּעס. אין אַ הויף דערנעבן הערט זיך פֿון צײַט צו צײַט אַ טויבער טופּ פֿון אַ שווערן פֿוס אויף ווייכער ערד. דאָס טופּעט איצי דעם בלינדנס פֿערד בײַ זיך אין שטאַל. אַ מאָל גיט עס אַ ווײַנענדיקן הירזשע, אין שרעק פֿאַר די שטשורעס. און ווידער שטיל.–

אין טבֿת איז די בלאָטע פּלוצים פֿאַרגליווערט געוואָרן אין רודעס אונטערן אָטעם פֿון די צוויי-דרײַ פֿרעסט. דערנאָך איז געקומען צו לויפֿן אַ ווינט פֿון צפֿון, האָט זיך אַ דריי געטאָן איבער דער שטאָט און האָט אויסגעבראָכן אין אַ ווילדער זאַווערוכע, וואָס האָט דרײַ טאָג נאָכאַנאַנד געהויפּט דעם שניי ביז אונטער די פֿענצטער פֿון די הײַזער. אין מיטן דער נאַכט פֿון דאָנערשטאָג אויף פֿרײַטיק האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף צוליב דער אומגעוויינטלעכער שטילקייט און ביטערער קעלט. אַ גרינער שטערן האָט געציטערט אין הימל אַנטקעגן מײַן פֿענצטער, און די ביינער פֿון דער אַלטער קלויז האָבן שטיל געקרעכצט און אונטערגעקנאַקט אין די אָרעמס פֿון אַ טויט-רויִקן און ברענענדיקן פֿראָסט. אַז איך בין אַרויס אין דער פֿרי אויפֿן מאַרק איז די וועלט געווען אַ נײַע – אַזאַ וועלט איז נאָך קיין מאָל נישט געווען! אַ גרויסע, רויטלעך-געלע זון איז געהאַנגען נישט זייער הויך איבערן באַרג; זײַלן רויך מיט געשוואָלענע קעפּ זענען ווי ביימער אַרויסגעוואַקסן פֿון די קוימענס פֿון די הײַזער, און אַ ווײַסער פּוכיקער פּעלץ – ווײַס צום בלינד ווערן. – איז געליגן אין לויזע, געבלאָזענע פֿאַלדן אויף הײַזער, פּלויטן, קלייטן און אויף דער גאַנצער ערד ביזן עק פֿון דער וועלט. פֿון אַלע זאַסטאַוועס האָבן זיך געריסן צום יריד הויך געלאָדענע פּויערשע שליטנס מיט קלינגענדיקע גלעקלעך, וואָגנס מיט פֿאַרפֿרוירענער סמאָלע אין די רעדער האָבן געקרעכצט און געקוויטשעט איבערן שניי, קי האָבן געמעקעט, נײַע ערדענע טעפּ האָבן געקלונגען און געזונגען אונטער די קלעפּ פֿון פֿינגערגעלענק, און דער טומל פֿון מענטשלעכע קולות איז געשטאַנען אין די אויערן אַזוי געדיכט ווי דער רויש פֿון וואַסער אין קאָפּ ווען מ׳טוקט זיך אונטער אין טײַך. די לופֿט איז געווען שאַרף ווי ספּירט און איבערגעפֿילט מיט פֿײַערדיקע נעדעלעך, וואָס האָבן געציטערט אין די שטראַלן פֿון דער זון און געשטאָכן די הויט פֿון פּנים. שפּאַרעס זענען מיר פֿאַרגאַנגען אין די פֿינגער, מײַנע אויערן זענען אויגנבליקלעך ווי פֿאַרטריקנט געוואָרן אין ביבולע-פּאַפּיר, און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן פֿון קעלט – און פֿון פֿרייד וואָס איך לעב אויף דער וועלט.

## יא.

בײַ סטיסי דער אַלמנה אין הויז האָט מען מיר אָנגעהויבן דערלאַנגען צום וואַשן די הענט די גרויסע קופּערנע קוואָרט.

נאָך פֿריִער האָט מיר צירל אָנגעזאָגט, איך זאָל קומען פֿרײַטיק צו וואַרעמעס. די מוטער פֿלעגט דעמאָלט זײַן אין איר קראָם, און געגרייט צום טיש פֿאַר מיר האָט געוויינטלעך די טאָכטער: געלייגט אַ פֿרישן ווײַסן טישטוך און דערלאַנגט אַ הייסע חלה מיט אַ געשמאַק-פֿאַרברוינטן ראָסלפֿלייש. די גאַנצע צײַט וואָס איך האָב געגעסן האָט זי זיך שטיל אַרומגעדרייט איבערן הויז און סאָליד און רויִק זיך פֿאַרנומען מיט איר בעל-הבתּישקייט.

פֿרײַטיק צו נאַכטס, בײַ מײַן קומען פֿון קלויז, האָבןביידע ווײַבער געענטפֿערט אויף מײַן "גוט שבת" פֿרײַנטלעך און היימישלעך, און איך האָב באַמערקט, אַז די שיינע אויגן אינעם ניט-שיינעם געזיכט פֿון דער טאָכטער שײַנען-אויף שטיל און פֿרום ווי די שבת-ליכט. צום קידוש איז אַלע מאָל געווען ראָזשינקעס-ווײַן אין אַן אַלטן, מאַט-זילבערנעם בעכער מיט שוואַרצע קריצונגען, און כאָטש די ווײַבער אַליין האָבן זיך געוואַשן צום עסן מיט אַ בלעכערנעם קווערטל, האָט מען מיר גענומען דערלאַנגען די אַלטע קופּערנע קוואָרט מיט די צוויי אויערן, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער קאָמאָדע, אַ געשײַערטע און געפּאָלירטע, נעבן מעשענעם סאַמאָוואַר, צווישן די צוויי זילבערנע לײַכטער. געשטאַנען איז זי דאָרט אומבאַרירט מסתּמא זינט דער אַלמנהס מאַן איז געשטאָרבן.

בײַם פֿאַרטיילן, איז דער קאָפּ פֿון די פֿיש שטענדיק געגאַנגען אויף מײַן טעלער. אין שטוב איז געווען וואַרעם, און זאַטע ריחות האָבן אָנגעפּילט די לופֿט. איך האָב געמיטלעך געזונגען זמירות, און בעת צירל האָט געוואַשן דאָס געפּעס צווישן די פֿיש און דער יויך, האָט די קלוגע סטיסי מיך פֿאָרזיכטיק געפֿאָרשט.

– איז ווען, זאָגסטו, ביסטו דאָס פֿון טאַראַשטשע?...

– – – איך זאָל ברענגען מײַן גרעט צו זיי. זיי האָבן אַ גויע וואָס וואַשט בחצי-חנם, איז אויב איך וויל... – צירל האָט כּמעט נישט גערעדט צו מיר, און האָט זי זיך מיט עפּעס צו מיר געווענדט, איז עס געווען גערעדט פֿאַרבײַ מיר, צו דער וואַנט. איך האָב גענומען ברענגען מײַן פּעקעלע גרעט, און אַז איך האָב עס געקראָגן צוריק, האָב איך געפֿונען אַז די פֿעלנדיקע קנעפּלעך פֿעלן שוין נישט, די לעכלעך זענען אַרומגענייט, ווו-ניט-ווו איז אַ לאַטע אַרויפֿגעלייגט

נעט און ציכטיק. פֿון צײַט צו צײַט האָב איך געפֿונען אין פּעקל אַ נײַ העמד, אַ פּאָר זאָקן, אַ נאָזטיכל.

איך האָב געשפּירט ווי עס שפּינען זיך פֿעדעם אַרום מיר. דאָס הייסט, קיינער האָט זיי ניט געשפּינט, זיי האָבן זיך געשפּינט פֿון זיך אַליין, נאָר איך בין געווען אומרויִק.

שפּעטערצו האָט מיר איין מאָל די אַלמנה געזאָגט מיט אַ שמייכל אין אירע שמאָלע טאָטערשע אויגן:

– ווײַבער זענען אויך מיר מענטשן, מישטיינס געזאָגט. אָט, הבֿדלה, למשל... מיר הערן דאָך קיין מאָל אַפֿילו קיין הבֿדלה נישט. אויב עס איז פֿאַר דיר נישט קיין טירחה, וואָלסטו אפֿשר צוגעקומען שבת צו נאַכטס נאָך מעריבֿ?

איך האָב אָנגעהויבן קומען שבת צו נאַכטס נאָך מעריבֿ. מ'האָט אַרויסגענומען פֿון דער קאָמאָדע אַן אַלט זילבערן הדסל פֿון פֿיליגראַן-אַרבעט, מיט אַ ריח אַ שוואַכן און אַ ווייטן ווי אַ מעשׂה פֿון פֿאַרצײַטן, און צירל האָט מיר געהאַלטן דאָס געפֿלאָכטענע הבֿדלה-ליכט פֿון ווײַסן און גרינעם וואַקס. געהאַלטן האָט זי עס קרום און אָנגעשטרענגט ווי אַ קינד, און דער הייסער וואַקס האָט אַרונטערגעטריפֿט אויף אירע פֿינגער. מיר האָט זיך דערפֿון געשמייכלט, און אַ ביסל האָט עס מיך גערירט אויך.

אינווייניק האָב איך אָנגעהויבן נאָכגיין צו ביסלעך. צוריקשמועסנדיק – פֿאַרוואָס ניט?... אַ בעל-הבתּיש הויז און בעל-הבתּישע מענטשן. פּרנסה איז פֿאַראַן. די מוטער איז גינציק, און מ'זעט באַשײַנפּערלעך אַז די טאָכטער האָט מיך ליב. נישמער, זי איז נישט קיין שיינע און – **אַזאַ** שטילע, **אַזאַ** שטילע!...

יב.

פֿאַר פּורים האָט מען דעם וואַרשעווער געכאַפּט מיט אַ שיקסע, און די זעלבע נאַכט האָט ער זיך אויפֿגעהאַנגען אין דער עזרת-נשים אויף אַ הענגלײַכטער. זײַן רעכטע האַנט האָט מיט צוויי פֿינגער געשטעקט בײַם האַלדז אינעם פֿאַרצויגענעם הויזנרימען. די הויזן אַליין האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון די מאָגערע לענדן און זענען

אַריבערגעהאַנגען איבער די שיכה. די העלפּט פּונעם קערפּער מיט וועלכער מענטשן שעמען זיך און האַלטן זי פֿאַרבאָרגן פֿון פֿרעמדע אויגן האָט זיך איצט דײַטלעך געצייכנט אונטער די דינע, קוויטיקע גאַטקעס, און דורך אַ ריס האָט דורכגעקוקט דאָס בלויבלאַסע פֿאַרהילצערטע לײַב. בײַם אַרונטערנעמען דעם גוף פֿון זײַן תּליה, האָט דער קליינע חייִמל זיך מוראדיק צעיאָמערט און האָט נאָך דעם געכליפּעט און געשלוקערצט שטונדן נאָכאַנאַנד, און ס׳איז געווען אוממעגלעך אים אײַנצושטילן.

אויסער אונדז, די בחורים פֿון דער ישיבֿה, איז קיינער צו דער לוויה נישט געגאַנגען. מיט דער מיטה אויף די אַקסלען, האָבן מיר געטראָטן אין דער קאַשע פֿון האַלב צעגאַנגענעם אײַז, און די יאַטקע יונגען האָבן געלאַכט פֿון אונדז און אונדז נאָכגעשריגן עפּעס וואָס מיר האָבן נישט געהערט – נישט געוואָלט הערן. מקבר געווען האָט מען דעם מת, ווי אַ מאבד עצמו לדעת, האַרט בײַם פּלויט אַריבערן גראָבן.

חייִמל אריה-לייבס האָט מען אָפּגענומען פֿון דער ישיבֿה. דער קרוטאָהאָרער איז פּלוצים פֿאַרשטומט געוואָרן און אין גיכן איז ער אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן פֿון דער שטאָט. ניסל דיין האָט זיך איצט געוואָרפֿן אויף מענטשן ווי אַ משוגענער הונט, און די בחורים האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן די ישיבֿה איינער נאָכן צווייטן, מיטן אויסרייד אויף יום-טובֿ אַהיים, נאָר אין דער אמתן מיט דער כּוונה נישט צוריקצוקומען, און אויפֿן זומערדיקן זמן זענען פֿון אונדז פֿאַרבליבן סך-הכּל אַ פּוּפֿצן-זעכצן אירע. די ישיבֿה האָט זיך גענומען פֿונאַנדערפֿאַלן אבֿרים-ווײַז, ווי געפֿרעסן פֿון פֿראַנצן. און איך בין געווען דערשראָקן – טיף.

יג.

דער פֿרילינג איז פֿונדעסטוועגן אָנגעלאָפֿן מיטן אימפּעט פֿון אַ יונגן לאָשעק. שלח-מנות-טרעגער האָבן נאָך געשפּאַנט אין דער בלאָטע און געהיט די ווײַסע טישטעכלעך אויף די טעצלעך פֿון אַ שפּריץ, נאָר יידן מיט געפֿלאָכטענע קוישן אויף די פּלייצעס, וואָס האָבן געשפּרייט אַרום זיך דעם געשמאַקן ריח פֿון פֿרישגעבאַקענער מצה, האָבן שוין געקאָנט קלייבן טרוקענע בערגלעך פֿאַר זייערע טריט. יידן האָבן

אַרומגעשמײַעט צווישן די קראָמען מיט הײַטערערע פּנימער, און איין מאָל האָב איך געזען זוסי מיכליעס שטיין אין שמועסן מיט אַ שכן, און אויף זײַנע ליפּן האָט געציטערט אַ שמייכל – אַ שמייכל אַ נעבעכדיקער, אַ שטויביקער און אַ דריבנינקער – אָבער אַ שמייכל. בעיני ראיתי.

אין די ווײַטע מקומות, בײַם אויבערשטן לויף פֿון דניעפּר, זענען צעגאַנגען גרויסע מאַסן שניי, האָבן צעבראָכן די האַרטע דעק פֿון טײַך אויף זײַן גאַנצער לענג און זיך אַרײַנגעריסן אין זאַהאָריער טאָל כמעט ביז צו דער שטאָט. מ׳האָט שוין ווידער געהערט דאָס פּײַפֿן פֿון שיפֿן אויפֿן טײַך, די אַרומיקע בערג האָבן גענומען גרינען, אין דער לופֿט האָבן זיך געטראָגן דינע, זיסע און פֿײַכטע ריחות – און די זון האָט געבאַקן. צוויי וואָכן אין ספֿירה איז שוין דער טײַך אַרײַן צוריק אין זײַנע ברעגן, די בלאָטע האָט אויסגעטריקנט, דער בעז האָט גענומען בליִען – און די זון האָט געבאַקן און געבאַקן. ווען דער ווײַסער צוויט האָט באַשפּריצט די ווײַנשלבײמער אין די גוישע גאַסן, זענען מיר שוין געלאָפֿן יעדן טאָג צום טײַך זיך באָדן, און דער שטויב אויף די וועגן איז געשטאַנען אין זײַלן. דער פֿרילינג איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן אין פֿולן גאַלאָפּ, און דער זומער האָט איבערגענומען די ממשלה מיט אַ שטאַרקער און זיכערער האַנט. –

אין די גרויסע היצן איז צו איסר טאַבאַטשניק אין הויז געקומען אַ גאַסט: אַ טאָכטער פֿון טשערקאַס, מיט אַ קינד בײַ דער ברוסט. אין זאַל האָט אַ פֿרעמדע שטים געזאָגט: ״די שוויגעד האָט ניש׳ געהייסן וויקלען״, און בײַ מיר איז איבערגעלאָפֿן אַ ציטער איבערן רוקנביין, ווי אַ טראָפּן רעגן וואָלט מיר אַרײַן אין קאָלנער. די שטים איז געווען אַ נידעריקע, אַ ברוסטיקע, עטוואָס הייזעריקלעך, און מיט עפּעס אַ זײַטיקן אונטערלויף, ווי אַ גלעזערנע שויב וואָלט אין איר געציטערט דין און שוואַך. און געזאָגט האָט די שטים: ״די שוויגעד האָט ניש׳ געהייסן וויקלען״.

איך האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט נישט אַוועקצוגיין ביז איכ׳ל נישט זען דעם גאַסט, און מײַן ווונטש איז דערפֿילט געוואָרן שנעלער ווי איך האָב זיך געריכט. זי איז אַרײַן אין קיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום און גענומען עפּעס זוכן אין דער שאַפֿע פֿון געשיר און מיך תּחילת ניט באַמערקט. איך האָב צײַט געהאַט צו זען אַ הויכן און ליכטיקן קאָפּ

האָר און אַ ווייכע פֿליסיקע פֿיגור אין אַ לויזן שוואַרצן קלייד מיט אַ זײַדענעם געֿרויש. פּלוצים האָט זי מיך דערזען, און אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויע פֿאַרוווּנדערטע אויגן. מיר האָט זיך געשטעלט דער ביסן אין האַלדז. זי איז באַלד אַרויס פֿון קיך, און כאָטש מײַנע אויגן זענען געווען פֿאַרגראָבן אין טעלער, האָב איך געזען אַז אין אַ ווינקל פֿון פֿרישן מויל הויערט אַ שמייכל. איך האָב זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון הויז.

אויף אַ שטעל צווישן די קלייטן האָט געפֿלאַמט אין דער זון אַ הויפֿן רויטע קאַרשן, און איך האָב געקויפֿט פֿאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס. בײַ דער טיר פֿון דער ישיבֿה האָב איך באַגעגנט דעם סטאַוויסקער.

– ווילסט מאַכן אַ ברכה? – האָב איך אים אָנגעבאָטן.

ער האָט זיך זייער פֿאַרוווּנדערט.

– ווּ האָסטו גענומען קאַרשן?

– די שוויגער האָט נישׁ׳ געהייסן וויקלען, – האָב איך געזאָגט.

– וואָס זאָגסטו?

– וויקלען האָט די שוויגער נישׁ׳ געהייסן. נישׁ׳ געהייסן האָט די שוויגער וויקלען. געהייסן וויקלען האָט די שוויגער נישׁ׳

– משוגע! – האָט דער סטאַוויסקער געזאָגט. – קום, גייסט זיך באָדן?

– ניין, כ׳וועל זיך זעצן לערנען.

לערנען האָב איך זיך נישט געזעצט. איך האָב זיך אַרומגעוואָרפֿן פֿון דער ישיבֿה אין קלויז, פֿון קלויז, פֿון קלויז אין רבינס הויף, און איבערגעחזרט די ווערטער וועגן דעם וואָס די שוויגער האָט נישט געהייסן אויפֿן שטייגער פֿון ״לישועתך קויתי״. אַזעלכע פּשוטע ווערטער! נישט אומזיסט זאָגט די גמרא: ״קול באשה ערווה״. ערווה? פֿע! אַ מיאוס וואָרט. אדרבה, אַזאַ קול איז ווי – ווי דאָס ברומען פֿון אַ טויב. זאָל דאָס ברומען פֿון אַ טויב זײַן אומווערדיק אין די אויערן פֿון גאָט? און דאָס ״בראָדיש״: שוויגעד. עס קלינגט ווי

אַ לשון פֿון מעבֿר-לים. און אַזאַ קאָפּ האָר, הויך און ליכטיק ווי אַ סקירדע שטרוי. אָט, ווײַבערשע האָר – ווידער אַ פֿאַרבאָטענער ענין, ווידער "ערווה" – אַ וואָרט וואָס איז ווי אַ שפּײַ אין פּנים. און דער זײַדענער שאָרך פֿונעם קלייד אַרום אַ פֿאַרבאָרגענעם גוף – אַ גוף וואָס כוואַליעט זיך ווי דער טײַך אין אַ ווינטל, ווי די זאַנגען אין פֿעלד. אַ דריבנער ציטער האָט גענומען גיין איבער מײַן קערפּער. מײַן גאָט! דײַן האַנט האָט מיך געטראָפֿן פּלוצלינג און שטאַרק. –

יד.

אין אָוונט האָב איך זיך קוים דערוואַרט אויפֿן שפּײַ פֿון "עלינו" און בין אַוועקגעלאָפֿן עסן וועטשערע. דאָס הויז איז מיר אַנטקעגנגעקומען אָן אַ שײַן פֿון אינווייניק; די הויכע פֿענצטער האָבן בלינד געשימערט דרויסן קעגן דעם מעריבֿדיקן הימל. מײַן געמיט איז געפֿאַלן מיט אַ מאָל.

אין הויז איז קיינער נישט געווען אויסער דער קעכין, און זי האָט מיך אָפּגעפּטרט אָן פּוצן און איינס-און-צוויי. נאָך דעם האָב איך זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער דער גאַס הין און צוריק, נאָר דאָס הויז האָט אַלץ געקוקט קאַלט און פֿאַרפֿרעמדט, דער שימער אין די פֿענצטער האָט זיך אויסגעלאָשן, און איך בין אַוועק צו זיך אין דער ישיבֿה.

די וואָך האָט זיך געצויגן לאַנג. איך האָב לגמרי פֿאַרלוירן דעם חשק צום לערנען, און אַז איך האָב געפּרוווט עפֿענען אַ גמרא האָב איך זי תּיכּף פֿאַרמאַכט מיט אַ קלאַפּ. געהערט אַ מעשׂה? אַז איינער רײַט אויף אַ בהמה און דער אַנדערער פֿירט, און יעדער פֿון זיי טענהט אַז די בהמה איז זײַנע, איז ... איז וואָס גייט עס מיך אָן? וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט עס צו מיר? ווי אַזוי רירט עס אָן דעם טאַראַשטשער בחור וואָס זײַן לעבן ביז אַהער איז געגאַנגען אַזוי און אַזוי און ווײַטער וועט ער גיין ... יאָ, טאַקע, ווי אַזוי וועט עס גיין ווײַטער? וואָס וועט פֿון מיר זײַן, וואָס וועל איך מיט זיך טאָן? סטיסי דער אַלמנהס טאָכטער, די סטאַטעטשנע צירל – די קלויז – די שניטקראָם – זוסי מיכליעס?...

דער דינסטאָג האָט מיר אויך נישט געהאָלפֿן. די ווײַטע וועלט, די אַמאָליקע, איז פּלוצים געוואָרן שוין **גאָר ווײַט**, האָט פֿאַרלוירן די

פֿרִיער אויך אומזיכערע ממשותדיקייט, יעדן שפּור פֿון חומר; אירע פֿאַרבן זענען געוואָרן וואַסעריק, די ריחות האָבן זיך אויסגעוועבט. איך האָב דעם דינסטאָג עפּעס נישט געפֿאַסט און נישט געגעסן, און דאָס מאָל איז עס בײַ מיר געווען דער ערגסטער טאָג פֿון דער וואָך.

נאָר ערגער פֿון אַלעם איז געווען דאָס וואָס איך האָב פֿאַרגעסן איר פּנים – איך מיין, דאָס פּנים פֿון איסר טאַבאַטשניקס טאָכטער. איך האָב זי דאָך גאָר רעכט נישט אָנגעזען אינעם קורצן אויגנבליק דאָרט אין קיך, האָב איך געדענקט בלויז די הויכע שטרויענע האָר, און די שטים מיטן גלעזערנעם קלאַנג האָט געזונגען אין מיר, און נאָך עפּעס אַזוינס האָט געצופּט און געצויגן אין מיר ווי אַ פֿאַרשטאָכענער פֿינגער – און דאָס איבעריקע איז צעשוווּמען געוואָרן, און איך האָב זיך געפֿילט ווי איינער וואָס האָט געפֿונען און תּיכּף פֿאַרלוירן. אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך, אין די אָוונטן, האָב איך זיך געדרייט אַרום הויז, נאָר אומזיסט. און אַז איך האָב שוין דערצויגן ביז דאָנערשטאָג און בין געקומען אַהין צו וואַרעמעס – האָב איך זי נישט געטראָפֿן אין הויז. אַלע זענען געווען אין דער היים, און עס זענען געווען עפּעס געסט, און גערעדט האָט מען, דאַכט זיך, פֿון איר – און זי איז נישט געווען, איך האָב געגעסן – געגעסן געבענטשט – געבענטשט, אַוודאי אַ שעה נאָכאַנאַנד – נישטאָ. אַ פֿאַרלאָשענער האָב איך אויפֿגעהויבן פֿון בענקל, און אין טיר האָב איך זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט איר און בין אָפּגעשפּרונגען צוריק.

זי איז אָנגעקומען אויף מיר ווי עפּעס אַ רײַכע און זעלטענע פּרי – אַ שײַנענדיקע, אַ רויטע און אַ ווײַסע, אין אַ כוואַליע פֿון שפּיצן און גרינער זײַד, מיט אַ געפֿלאָכטענעם צאָפּ ווי אַ קראַנץ אַרום שטערן, מיט גרינלעך-גרויע אויגן ווי צוויי רײַפֿע פֿולע אַגרעסן, אין אַ דינעם און זיסן ריח פֿון בשׂמים. איך בין געבליבן שטיין אַ פֿאַרבלענדטער, אַ פֿאַרגליווערטער, און זי האָט זיך גענומען אָן אַ זײַט כּדי מיך אויסצומײַדן, און אין דעם זעלבן אויגנבליק האָב איך זיך געכאַפּט איר אָפּצוטרעטן דעם וועג – און בין אָפּגעטראָטן אין דער זעלבער זײַט. זי האָט מיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַנדערער זײַט, און איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן איר אַנטקעגן. זי האָט אַרויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און ווידער האָב איך געהערט דעם גלעזערנעם אונטערקלאַנג אין דעם ברוסטיקן לאַך, און אַ צעטומלטער האָב איך אין פֿאַרצווײַפֿלונג געטאַנצט פֿון זײַט צו זײַט און זי נישט

געלאָזן דורכגיין. איר געלעכטער האָט מיר נאָכגעקלונגען אויך דאַן, ווען מיר האָבן זיך ווי-עס-איז פֿונאַנדערגעפּלאָנטערט און איך בין אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער טיר.

יח.

בײַ נאַכט איז די "דיערזשאַוואַ" פֿאַרבײַגעגאַנגען אויפֿן טײַך און האָט לאַנג און פּײַנלעך גערעוועט, ווי אַ חיה אויפֿן בראָכשטול.

פֿון פֿאַרנאַכט אָן זענען שווערע וואָלקנס געהאַנגען איבער דער שטאָט, נאָר קיין רעגן איז ניט געקומען. אַ פּאָר מאָל האָבן די וואָלקנס יאָ אַרויסגעקוועטשט פֿון זיך עטלעכע טראָפּנס, וואָס האָבן עלנט און פֿאַריתומט אַ שאָרך געטאָן צווישן דיביימער אין רבינס גאָרטן, נאָר דערבײַ איז עס געבליבן, און די אָנגעשטרענגטקייט פֿון וועלן און ניט קאָנען איז געשטאַנען אין דער לופֿט. איך האָב זיך געוואָרפֿן אויף מײַן געלעגער און געריסן פֿון זיך דאָס פֿלייש. —

געלאַכט פֿון מיר, הייסט עס. געלאַכט אַזוי האַרציק און האַרצלאָז, אַז מײַן אייגן האַרץ האָט געוויינט און געלאַכט. און פֿאַרוואָס זאָל זי נישט לאַכן? איך האָב די טעג געכאַפּט אַ קוק אין אַ שפּיגל בײַ סטיסי דער אַלמנה אין הויז און האָב געכאַפּט געזען אַ נאָז ווי אַ זאָטל, אַ טונקל בערדל ווי אַ שמיר מיט בלאָטע אַרום די מאָגערע באַקן, און אַרויס געקראָכענע, צעדולטע אויגן, אויגן פֿון אַ מטורף אָדער פֿון אַ מענטשן אין שיכּרות. אַ גוף – האָב איך געוווּסט אָן דעם שפּיגל – פֿון אַ האָריקער חיה, געמאַכט פֿון ביינער און לעדער. אַ פּרא-אדם! —

אפֿשר האָבן זיי איר נאָך דערציילט די מעשׂה מיטן שטרודל? – איך האָב זיך האַסטיק געטאָן אַ זעץ-אויף אויף מײַן געלעגער, און צוריק אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן צוקאָפּנס. שטות! ווער האָט מיך אין זינען? ווען איז עס נוגע צו געדענקען און צו דערציילן וואָס איך האָב געטאָן אָדער ניט געטאָן? אַניט באַמערקן זיי מיך אַפֿילו! נישט מער ווי אַ בלודנע קאַץ וואָס כאַפּט בײַ זיי אַ ביין בײַ דער טיר פֿון קיך. —

אָבער יאָ דערציילט, נישט דערציילט – האָב איך געגנבֿעט דעם שטרודל, צי ניין? – געגנבֿעט, און זיך געוואָרגן מיט אים אין פֿאַרבאָרגעניש, און די סלינע איז מיר גערונען איבער דער באָרד. אָט

אַזאַ מין בריאה בין איך דאָס. און איך זינדיק מײַנע זינד אין אַ פֿינצטערן פֿירהויז, אָדער בײַם געשטאַנק פֿון אַן אָפּטרעט. יאָ. –

צוריקשמועסנדיק, וואָס איז **זי** אַזוינס – אַ מלאך פֿון גאָט, וואָס? זי האָט דאָך אַ מאַן, און אַ קינד – און אַ קינד מוז מען... – אַ גראָב וואָרט וואָלט מיר גרינגער געמאַכט, וואָלט זי אפֿשר דערנענטערט צו מיר, נאָר – אָ! – כ׳האָב קיין האַרץ נישט געהאַט דאָס צו געברויכן.–

אַ פּאָר וואָכן האָב איך זי אין גאַנצן נישט געזען – זיך נישט געיאָגט נאָך דעם, און איין מאָל אַפֿילו דורכגעלאָזן אַ מאָלצײַט בײַ זיי אין הויז. איך בין געווען מיד, זייער מיד.

בוני דעם קצבֿס מיידל האָט זיך מיר אָפֿט געפּלאָנטערט פֿאַר די פֿיס, נאָר איצט פֿלעג איך זי פֿאַרבײַגיין ווי איך וואָלט זי נישט געזען. צירל סטיסיס איז נאָך שטילער געוואָרן. האָט זי עפּעס דערשפּירט? –

און איין מאָל אַ דאָנערשטאָג, האָט ״זי״ אַליין מיר געגעבן עסן. די קעכין איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, די מוטער איז, קענטיק, געווען נישט געזונט, האָט די טאָכטער מיר געגרייט צום טיש און מיר אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער איך זאָל זיך גיין וואַשן. מײַן מידקייט האָט אָנגעהאַלטן, און דווקא דערפֿאַר האָב איך נישט געהאַלטן די אויגן אין טעלער, נאָר נאָכגעקוקט איר, און זיך געוווּנדערט דערויף וואָס איצט איז זי עפּעס גאָר אַן אַנדערע. זי האָט געטראָגן עפּעס אַ לויזן בגד, איך וואָלט געזאָגט אַ מין קיטל, מיט קאָלירטע פֿייגלען און קווייטן אויף אים; דער פֿאַרפֿלאָכטענער צאָפּ איז געווען אַריבערגעוואָרפֿן איבער איין אַקסל און איז געליגן אויף דער ברוסט; דאָס פּנים מאַט, אַ ביסל אָפּגעבליאַקירט, ווייך, – איך האָב פּלוצים באַמערקט אַן ענלעכקייט צו איר מוטער, צו דער גוטער, מילדער שיינע-לאהן, וואָס פֿריִער האָב איך דאָס נישט געזען. עס איז בעסער אַזוי, היימלעכער, נאָר – וואָס איז די נפֿקה-מינה?...

זי איז געוואָרן אומרויִק און האָט אויפֿגעהויבן אויף מיר איר בליק, נאָר איך האָב מײַנעם נישט אַראָפּגעלאָזן. דאָס האָט זיך געצויגן אַ ווײַלע, און אין אירע אויגן איז די פֿאַרווווּנדערטקייט איבערגעגאַנגען אין פֿאַרלעגנהייט. איך האָב רויִק געזאָגט:

– האָט קיין פֿאַראיבל נישט וואָס איך וועל אײַך פֿרעגן – ווי אַזוי הייסט איר?

פֿונעם קיטל אַרויס האָט זיך באַוויזן אַ רויטע כוואַליע, איז אַריבער איבערן האַלדז און האָט פֿאַרגאָסן דאָס גאַנצע פּנים. דערנאָך האָט די כוואַליע פּאַמעלעך אָפּגעפֿלאָסן צוריק אַהין פֿון וואַנען זי איז געקומען.

– וואָס איז דען?...

– גלאַט אַזוי. איך האָב געוואָלט וויסן.

זי האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע פֿאַרטראַכטערהייט. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזן די וויִעס איבער די אויגן און אַרויסגערעדט:

– העניע, העניע הייס איך.

און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פֿון דער קיך.

אין גיכן בין איך אַרויס פֿון דאָרטן און האָב זיך פֿאַרנומען דורך אַ זײַטיק געסל צו דער הינטערשטער זײַט פֿון הויז. אַריבערגעקלעטערט דעם פּאַרקאַן אין הויף אַרײַן, האָב איך געפֿונען אַז איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט אין חשבון: איר חדר האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ פֿענצטער צום הויף, און דורכן טיולענעם פֿאָרהענגל איז גרינג געווען צו זען וואָס עס טוט זיך אין צימער, הגם באַלויכטן איז עס געווען קאַרגלעך פֿון אַ קליינעם לעמפּל אויפֿן נאַכטטישל בײַם בעט. זי – ״העניע״, הייסט עס, ״העניע״ ... – האָט זיך געפּאָרעט עפּעס אין דער קליידערשאַפֿע, און פֿון בעט האָט צו מיר געגרייכט אַ דין שטימעלע, ווי דער פּישטש פֿון אַ פֿייגעלע. אין גיכן איז זי געקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט, האָט גענומען דאָס קינד אויפֿן שויס און רעדנדיק צו דעם מיט אויסגעצויגענע ליפּן ווי מ׳רעדט געווײנטלעך צו אַן עופֿהלע, האָט זי פֿונאַנדערגענומען דעם קיטל פֿונעם גלאַטן האַלדז און אַרונטער, און אַ פֿולע, קײַלעכדיקע ברוסט האָט שפּעדיק פֿאַרגאָסן דאָס פּנימל פֿונעם קינד. אַן געפֿילן פֿון תּאווה, בלויז מיט עפּעס אַזאַ זויגן אונטערן האַרצן, האָב איך געזעטיקט מײַן אויג אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע מינוט דערנאָך בין איך אַריבער צוריק איבערן פּאַרקאַן און

אַוועקגעגאַנגען צו זיך. קאָן מענטשלעך לײַב זײַן אַזוי פֿײַן – אַזוי ווײַס, און ציכטיק, און ... פּוטערדיק? –

יו.

יענעם דינסטאָג האָב איך געמאַכט אַ פֿאַרזוך צוריקצוגעפֿינען די רו וואָס דער דינסטאָג פֿלעגט מיר געבן. איך האָב דעם טאָג נישט געגעסן, בין געזעסן אונטן אין קלויז און געלערנט. געלערנט האָב איך „געשמאַק", דאָס הייסט, מיט אַ ניגון. דער ניגון איז געווען מער ווי די ווערטער, און דאָס לערנען – גיכער פֿאַרן אויפֿגעברויזטן געמיט איידער פֿאַרן וואַכנדיקן שׂכל.

אויף מאָרגן צו וואַרעמעס בין איך אָנגעקומען דערויף ווי בוני דער קצבֿ שלאָגט דאָס ווײַב – ס'איז, הייסט עס, געווען אמת וואָס מ'האָט גערעדט אין שטאָט. די בוניכע איז געלאָפֿן אַרום טיש און געשריגן: „גויעץ! איוואַן פּויערילע! דערשלאָגן זאָלסטו ווערן פֿון גאָט! אַ מיתה-משונה זאָל אויף דיר קומען!" – און ער האָט זיך געיאָגט נאָך איר מיט אַ שטעקן. מיט שרעק און מיט עקל בין איך אַנטלאָפֿן פֿון הויז. איך האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט מער נישט צו קומען אַהער. אין איין וועגס וועל איך פּטור ווערן פֿונעם מיידל, וואָס פֿלעגט מיר אַלץ אַנטקעגנקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און איך פֿלעג אויסמײַדן אַ דערצאָרנטער און אַ שולדיקער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז בוני געקומען צו אונדז אין דער ישיבֿה. מיר האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן. ער האָט מיך געפֿונען מיט די אויגן און איז צוגעגאַנגען צו מיר. „וואָס ביסטו אַנטלאָפֿן?" – האָט ער געזאָגט און האָט מיר אָפּגעשטעקט צוויי פּעטש. דערנאָך האָט ער מיך פֿאַר אַן אויער אַרויסגעפֿירט פֿון קלויז און געהייסן גיין מיט אים עסן. די גאַנצע ישיבֿה איז אַרויסגעלאָפֿן אויף מײַן בייזוווּנדער, און איך האָב זיך געפּרוּווט שטעלן אַנטקעגן, אָבער מײַן מורא איז געווען צו גרויס, און איך בין געגאַנגען. ער האָט מיך אַוועקגעפֿירט צו זיך, אַוועקגעשטעלט פֿאַר מיר אַ טעלער מיט פֿלייש און געהייסן עסן. איך האָב זיך געוואָרגן און געגעסן, און ער איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען איבער מײַן קאָפּ. די בוניכע האָט זיך שווײַגנדיק אַרומגעדרייט איבער דער שטוב מיט אַ פֿאַרבונדענער באַק. דאָס מיידל איז ניט געווען אין דער היים.

אַז דער טעלער איז געוואָרן ליידיק, האָט בוני מיך נישט געלאָזן בענטשן, ווי ער האָט מיר פֿריִער נישט געגעבן קיין צײַט זיך צו וואַשן.

– און איצטער גיי צו אַל די רוחות, – האָט ער געזאָגט, – און מער זאָל זיך דאָ דײַן פֿוס נישט געפֿינען.

איך האָב זיך אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען אין דער ישיבֿה, און אין דער שטיל האָב איך געקרעכצט און זיך געדרייט ווי פֿון בויכשמערצן. פֿון גיין צו טאַבאַטשניקן אין הויז האָב איך גאָר טראַכטן נישט געקאָנט: מיר האָט זיך געדאַכט – די גאַנצע וועלט ווייסט פֿון מײַן בזיון און געפֿאַלנקייט. שבת צום טיש האָט סטיסי די אַלמנה געוואָרפֿן בליקן פֿון מיר אויף איר טאָכטער און פֿון דער טאָכטער אויף מיר. נאָר זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. דעם זעלבן שבת האָב איך ערגעץ געהערט – אַ קליין שטעטל – אַז איסר טאַבאַטשניקס טאָכטער פֿאָרט זונטיק אין דער פֿרי קיין טשערקאַס, צוריק צו זיך אַהיים.

דער קלאַפּ איז געווען אַ טעמפּער, ווײַל איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרשלאָפֿענער, נאָר זונטיק אין מיטן שחרית האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט: איך האָב אַראָפּגענומען די תּפֿילין און בין אַוועקגעלאָפֿן צום טײַך.

איך האָב שיר נישט פֿאַרשפּעטיקט. דער פּאַראָכאָד איז שוין געווען בײַ דער פּריסטאַן, מענטשן זענען אַרומגעלאָפֿן איבערן בריקל הין און צוריק, און איך האָב זיך מיט שוועריקייט דורכגעשטופּט צום פּאַרענטש. איך האָב זי אויסגעזוכט מיט די אויגן צווישן עולם אויפֿן אויבערשטן דעק, פֿונוואַנען זי האָט אַראָפּגערעדט צו איר מוטער און שוועסטערל אויף דער פּריסטאַן. ווידער אַ נײַער גילגול: אין אַ גרויען קלייד און אַ מענערשן רעקל ווי די סטודענטן טראָגן; אויפֿן קאָפּ אַ שוואַרצער שטרויענער הוט מיט ברייטע ראַנדן און מיט אַ שטייענדיקער פּעדער; אַ גלײַכע, אַ זיכערע, און מיט אַ גאַנץ אַנדערער, פֿעסטער שטים, – די נגידישע שנור פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. ווי ווײַט זי איז געווען פֿון מיר פֿריִער, איז זי איצט ווי אָפּגעטראָטן ווײַטער.

האָט עס מײַן בליק זי צוגעצויגן? זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מײַן זײַט און האָט אַ ווײַלע געקוקט מיר גלײַך אין די אויגן. דערנאָך

האָט זי האַסטיק אָפּגעווענדט דעם קאָפּ, האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פֿונעם וויגעלע וואָס איז געשטאַנען נעבן איר, האָט עס צוריק אַרײַנגעלייגט און גענומען שרײַען אַרונטער:

– זײַט געזונט, זײַט געזונט! טעמקע, זײַ אַ גוט קינד, פֿאַרשאַף ניט דער מאַמען קיין יסורים, טעמקע! –

דער פֿײַף פֿון פּאַראָכאָד האָט איבערגעריסן איר קול. דאָס בריקל איז אַראָפּגעצויגן געוואָרן, די פּאַרע האָט געטאָן אַ קאָך-אַרויס ערגעץ פֿון דער זײַט פֿון שיף – און תּיקף האָט דאָס שוואַרצע וואַסער צווישן דער פּריסטאַן און דעם פּאַראָכאָד גענומען ווערן ברייטער.–

מיט אַ האַלב ווערסט ווײַטער איז דאָס שיף פֿאַרשוווּנדן אַרום אַ קני פֿון טײַך. נישט ווײַט פֿון דער פּריסטאַן איז געווען דער פּלאַץ ווו מיר פֿלעגן זיך באָדן, און איך בין אַוועק אַהין, האָב זיך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן זאַמד. ערגעץ ווײַט אויף יענער זײַט טײַך איז אַנטשטאַנען אין דער לופֿט עפּעס אַזוינס ווי אַ גרויס שטיק וואַטע, איז גלײַך צעגאַנגען אין דער שײַן, און אַן אַנדערס איז אויפֿגעשטיגן אַ ביסל ווײַטער, און נאָך איינס און נאָך איינס: דאָס איז אַ צוג געגאַנגען אויף דער ווײַטער באַן-ליניע און געשיקט אין דער הויך פּוכיקע קנוילן דאַמף, נאָר קיין קלאַנג האָט מען נישט געהערט. ״ער וועט אַהער קיין מאָל נישט דערגיין״, האָב איך הויך געזאָגט. די זון האָט געברענט, דער טײַך האָט געפֿלאַמט און געפֿינקלט איר אַנטקעגן, און איך, אַ נאַקעטער מענטש, בין געזעסן אויפֿן הייסן זאַמד, מיטן קאָפּ כּמעט צווישן די קני – געזעסן לאַנג, מסתּמא געטראַכט עפּעס און, דאַכט זיך, אַפֿילו אײַנגעדרימלט אויף עטלעכע סעקונדן. דערנאָך האָב איך זיך אָנגעטאָן נישט-געבאָדענערהייט.–

אויפֿן וועג צוריק בין איך אָפּגעטראָטן בײַ סטיסי דער אַלמנה אין שטוב.

– צירל, – האָב איך געזאָגט, – איך בין געקומען נאָך מײַנע פּאָר שטיקלעך גרעט. איך פֿאָר אַוועק.

אירע באַקן און איר שטערן זענען געוואָרן גרוילעך.

– יאָ, – האָב איך צוגעלייגט, – מ׳רופֿט מיך אַהיים: מײַן פֿאָטער איז קראַנק, מסוכּן קראַנק.

די שיינע אויגן אינעם ניט-שיינעם פּנים זענען געוואָרן גרויס.

– אײַער פֿאָטער? – איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר האָט ניט קיין פֿאָטער – אַז איר זענט אַ יתום? ...

– אַזוי האָב איך געזאָגט? נו, אַז איך האָב געזאָגט, בין איך מסתּמא אַ יתום ... – איך פֿאָר אַוועק, צירל, איך פֿאָר אַוועק. זײַט געזונט.

איך בין שוין געווען אויף דער גאַס ווען זי האָט מיר נאָכגערופֿן, שטייענדיק אין דער טיר מיט אַ פּעקל אין האַנט:

– איר האָט פֿאַרגעסן אײַער גרעט.

– מײַן וואָס? – האָב איך געזאָגט.

זי איז געשטאַנען מיט פֿאַרשנורעוועטע ליפּן, מיטן פּעקל אויסגעשטרעקט צו מיר.

– זײַט געזונט, צירל, – האָב איך אַרויסגערעדט, ווייכער ווי פֿריִער, – זײַט געזונט.

זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר סטאַטעטשנע פֿאַרנייגט דעם קאָפּ. –

אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געווען צוריק אויף דער פּריסטאַן, בײַם פֿענצטערל פֿון דער קאַסע, און האָב פֿאַרלאַנגט אַ בילעט. דער קאַסיר, אַ מיטליעריקער פּאָליאַק מיט בייזלעכע אויגן און בלאָנדע, פּריצישע וואָנצעס, האָט געפֿרעגט: וווּהין. איך בין געבליבן אין פֿאַרלעגנהייט, און ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף מײַן ענטפֿער. טשערקאַס איז אַראָפּ טײַך, אַה? ...

– אַרויף-וואַסער, – האָב איך געזאָגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע מיט אַ זויערער מינע.

– ביז קיִעוו?

– יאָ-יאָ, ביז קיִעוו...

איך בין אַרויס אויף דער פֿאָרנדיקער פּלאַטפֿאָרמע. ס'איז געווען פֿרי, און קיין פּאַסאַזשירן זענען געווען נאָך נישט געקומען. די זון איז שוין געשטאַנען הינטער אונדז, און דער שאָטן פֿון דער פּריסטאַן איז שאַרף און שוואַרץ געליגן אויפֿן טייַך. ווייַטער אַהין איז דאָס וואַסער געווען געל ווי בוימל, און איבער דער גאַנצער ברייט פֿונעם טייַך האָבן די פֿעטע געדיכטע וואַסערן, ווי ריזיקע חילות אָן אַ צאָל און אָן אַ סוף, געצויגן – געצויגן – געצויגן פֿון עק פֿון דער וועלט צו עק פֿון דער וועלט. –

און איצט לאָמיר טראַכטן.—

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון יאַן יאַנק, לעאָנאַרד פּראַגער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved